STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05497

DER OYFSHTAND IN VARSHEVER GETO, 1943-1963

Charles R. Allen

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Seymour Nordenberg
in honor of
Joseph Radov, my favorite Yiddishist

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

1963-1943

פון טשאַרלס ר. אַלען, דזשוניאָר

אַרויסגעגעבן פון
קאָמיטעט פאַר דעם 20טן יאָרטאָג
פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד
1133 בראָדוועי, צימער 732, ניו־יאָרק

יידיש: מאַרטין בירנבוים

צוליב דעם וואָס טייל ציטאַטן, אָריגינעל געשריבן אין יידיש, זיינען אין דער בראָשורע צוריקאיבערגעזעצט געוואָרן פון ענגליש אין יידיש, איז מעגלעך פאָרגעקומען דאָ און דאָרט אַ טיילווייזע שפּראַכלעכע, ניט־אינהאַלטלעכע, אָפּווייכונג פון אָריגינעלן טעקסט.

פּרייז: 25 סענט

די אומשטערבלעכע וואַרשעווער געטאָ

אַפּריל 19, 1943 — אַפּריל 19, 1963

אין קורצע צוואַנציק יאָר איז דער אויפשטאַנד פון די יידן אין דער וואַרשעווער געטאָ אויסגעוואַקסן צו אַן אומשטערב־לעכער לעגענדע, צו אַ דאַטע, וואָס מיר געדענקען און פאַר־צייכענען מיט ליבע, מיט גלויבן און פייערלעכקייט.

זיכער געפינען מיר אין אָט־דעם היסטאָרישן מאָמענט פון יידישער העלדישקייט און מאַרטירערטום אַ זין, וואָס מיט ווער־טער אליין קאָן מען אים ניט אויסדריקן. דער אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ איז ווי אַ גרויסער פלאַם, וואָס וועט פאַר אַלע צייטן באַלויכטן דעם וועג פון יענעם טייל פון דער מענטשהייט, וועלכער קעמפט פאַר פרייהייט, ברידערלעכקייט און פרידן. לאָמיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען דער וואַרשעווער געטאָ־ייד, וועלכער האָט זיך אַ הויב־געטאָן פון די שטויבן און חורבות פון דער געטאָ קעגן דער מעכטיקס־טער און ברוטאַלסטער מיליטער־מאַכט אין דער געשיכטע — די היטלער־נאַציס און זייערע אַרויסהעלפער — און דערלאַנגט אָט־דער מאַכט אַ קלאַפּ, וואָס וועט בלייבן פאַר אַלע צייטן אַ מאָנומענט — אינספּירירנדיק און באַלערנדיק — אין דעם מענטשנס קאַמף קעגן פאַשיזם, אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט ער זאָל זיך ניט באַווייזן.

די וואַרשעווער געטאָ־קעמפער האָבן אויסגעשמידט צווישן זיך אַן אייניקייט, וואָס האָט אויך היינט פאַר אונדז אַן אינ־ספּירירנדיקן און גרויסן באַדייט. פון די גאַסן און דעכער, פון די בונקערס און חורבות, פון די עיפּושדיקע קאַנאַלן, האָבן יידן פון פאַרשידענע, פּאָליטישע ריכטונגען — ציוניסטן, בונ־דיסטן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און רעליגיעזע יידן — אָנ־געהויבן אַ קאַמף קעגן דעם נאַצישן מערדער און אים דערלאַנגט אַ מעכטיקן קלאַפּ.

אָט־די געטאָ־קעמפער האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ נייע רינג אין דער טראַדיציע פון ווידערשטאַנד צו די פאַשיסטן ביזן סאַמע טויט. אָט־דער ווידערשטאַנד האָט געפונען אַן אויס־דרוק אין גרויסע טיילן פון דער וועלט, וואו נאָר דער קאַמף קעגן דעם פאַשיזם איז אָנגעגאַנגען. מען קען ניט זאָגן „וואַר־

שעוועד געטאָ" און ניט דערמאָנען: סטאַלינגראַד! ענגלאַנד! על אַלאַמעין! טאַראַווא! „די־דעי!" דאָס פאַלן פון בערלין!

איצט, צוואַנציק יאָר נאָך דעם אויפשטאַנד אין דער וואַר־שעווער געטאָ, מוזן מיר איבעראַניים זיך געבן די שבועה: „ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן!". מיר מוזן אויף שטענדיק באַהאַלטן אין זכרון דעם באַדייט פון יענע אַפּריל־געשעענישן מיט צוואַנציק יאָר צוריק:

„דער אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ האָט ניט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פאַרטיידיקונג פון אַן אייגענעם באַדן, ווייל [אין אַפּריל 1943] האָט מען שוין געקענט דערוואַרטן, אַז דער שונא קען צוריקגעהאַלטן ווערן (אַזוי האָט געשריבן דער באַרימטער קעמפער און געטאָ־היסטאָריקער, בער מאַרק). דער קאַמף איז ניט געווען געצילט צו ראַטעווען נאָענטע און טייערע, ווייל זיי האָט מען שוין געהאַט דערמאָרדעט. ס'איז אויך ניט געווען קיין קאַמף פאַרן אייגענעם לעבן, ווייל דאָס אייגענע לעבן איז שוין כמעט ניט געווען צום אויסהאַלטן. דער קאַמף איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ מאָראַלישן כוח, פון אַ גאָר העכערן באַדייט.

„דאָס איז געווען אַ געראַנגל פאַרן כבוד פון אַ פאָלק און זיין צוקונפט. דער דראַנג צום קאַמף האָט זיך גענומען פון דער אַנטשלאָסנקייט אויפצוהאַלטן דעם כבוד פון דעם יידישן פאָלק. דאָס איז געווען דער הויפּט־ציל פונעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ אין אַפּריל פון 1943".

(פון בער מאַרקס „סטראַטעגיע פון קיום".)

מען מוז צוגעבן: מיט זייער אויפשטאַנד האָבן די יידן פון וואַרשע, אין לעצטן סך־הכל, אויפגעהאַלטן דעם כבוד פונעם מענטשן אין אַלגעמיין...

דער אויפשטאַנד פון אַפּריל 1943 איז ניט געקומען פּלו־צים. איידער עס איז געקומען צום ענדגילטיקן אַקט האָבן די יידן פון וואַרשע דורכגעמאַכט פיר יאָר פון שווידערלעכע פּיי־נען. ווי אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן?

דייטשע פאַשיסטן דרינגען אַריין אין פוילן

די ערשטע יידישע קרבנות... די ערשטע יידישע קעמפער...

דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1939, האָבן זיך נאַצישע סטוקאַ־באָמבערס באַוויזן איבער וואַרשע, די הויפּט־שטאָט פון פוילן.

אויף אַ סיגנאַל פון זייער לופט־וואָפן־פירער האָבן זיי אָנגע־הויבן באָמבאַרדירן דעם גרעסטן יידישן ישוב אין אייראָפּע, דעם צענטער פון קולטורעלן, סאָציאַלן און פּאָליטישן יידישן לעבן אין פּוילן. פאַר די בלוט־דורשטיקע אַנטיסעמיטן פון היטלער־דייטשלאַנד האָט אָט־די פאַרברעכערישע אַקציע גע־האַט אַ סימבאָלישן באַדייט. אַ געראַטעוועטער פון דער געטאָ דערציילט אונדז:

„דעם סאַמע ערשטן טאָג פון דער מלחמה זיינען געפאַלן די ערשטע, אומשולדיקע קרבנות — וואַרשעווער יידישע קינ־דער. די מערדערלעכע באָמבעס האָבן צעשטערט די יידישע קינדער־היים, אָנגעפירט פון דער סענטאָס אָרגאַניזאַציע. צען קינדער זיינען אומגעקומען און זייער לערער, דער באַוואוסטער דיכטער, קלמן ליס, איז ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן". (ירחמיאל וויינגאַרטן, „אַ וועלט אין פלאַמען", זז. 4-13).

היטלער האָט צעצונדן די פלאַמען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָט־די יידישע קינדערלעך זיינען געווען צווישן די ערשטע קרבנות. אינגיכן איז די אָקופּאַציע פון פּוילן געווען אַ פאַרענדיקטע. דער פּלאַן פון די פאַשיסטן איז געווען: פאַר־טיליקן די יידן פון אייראָפּע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פּוילן אַליין האָט געדאַרפט צושטעלן דער מאָרד־מאַשין 3,200,000 אויסגעקוילעטע יידן. זיי האָבן געזאָלט דינען ווי אַ מוסטער פאַר סיסטעמאַטישער אויסראָטונג און ווי אַזוי איינמאָל פאַר אַלעמאָל לייזן די „יודן־פראַגע". כדי צו פאַרווירקלעכן דעם מאָנסטער־פּלאַן האָט די היטלער מאָרד־מאַשין זיך פאַרמאָסטן אויסשעכטן זעקס און אַ האַלב מיליאָן יידישע מענער, פרויען און קינדער. העכער אַ האַלבער מיליאָן פון די צום־טויט־גע־שטעמפּלטע זיינען אַריינגעצוואונגען געוואָרן אין דער וואַרשע־ווער געטאָ.

פונעם סאַמע אָנהויב אָבער, זיינען די יידן געווען אין די פאָדערשטע רייען פון שטעלן אַ ווידערשטאַנד, ווי עס דער־ציילט אונדז איינער פון די לעבן־געבליבענע, פּוילישע יידן:

„...זיי [די יידן] זיינען געווען צווישן די פאַרטיידיקער פון וואַרשע — סיי אין דער רעגולערער, פּוילישער אַרמיי, סיי צווישן די פרייוויליקע אַרבעט־באַטאַליאָנען, און אויך צווישן די טויזנטער העלדן פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

„ערב ראש־השנה, דעם אַכטן טאָג פון דער פאַרטיידיקונג

פון ווארשע, האָבן די דייטשן, אין זייער מערדערלעכסטער לופט־אטאקע, אומיסטן אויסגעקליבן דעם יידישן קווארטאל פאר זייערע באָמבערס...״ (זיגלבוים־בוך, ניו־יאָרק, 1947, ז. 111).

ווארשע פאַלט

סיהויבן זיך אָן די פאַרפאָלגונגען אויף יידן... די ערשטע אַקציעס פון די פאַשיסטן...

אָנגעהויבן האָבן זיך די אַנטי־יידישע אַקציעס מיט דער פאַראָרדענונג, אַז יידן מוזן טראָגן בלויע מגן־דודים אויפן אַרבל; יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן דאָס באַנוצן זיך מיט „אַרישע״ אַנשטאַלטן, דאָס איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון אַ באַפעל צו קאָנצענטרירן אַ גרויסע צאָל יידן אין די גרעסערע שטאָט־צענטערן פון פוילן. דאָס איז געווען די ערשטע פאַזע פונעם אויסראָטונגס־פּלאַן.

אין אָקטאָבער, 1939, איז אין פּיעטרעקאָוו עטאַבלירט גע־וואָרן די ערשטע געטאָ, דערנאָך איז געקומען די לאָדזשער געטאָ. דעם 2טן אָקטאָבער, 1940, איז געשאַפן געוואָרן די ווארשעווער געטאָ, וואו 650,000 יידן זיינען צונויפגעפּרעסט געוואָרן אונטער די סאַמע אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען. דער פּלאַן פאַר דער ווארשעווער געטאָ איז געקומען דירעקט פון היטלערן און הימלערן און איז דורכגעפירט געוואָרן און אויסגעאַרבעט געוואָרן ביז די קלענסטע דעטאַלן פון אַדאָלף אייכמאַנען.

„באַלד נאָך סוכות האָט די געשטאַפּאָ באַשטימט אַ יודנראַט פאַר דער ווארשעווער געטאָ״, אַזוי דערציילט אונדז איינער, וואָס האָט בייגעוואוינט יענע געשעענישן אין דער ווארשעווער געטאָ. „דער ראַט איז באַשטאַנען פון 24 מיט־גלידער און 24 דעלעגאַטן. אַלע [נאַצישע] פאַראָרדענונגען אין פאַרבינדונג מיט די יידן האָט אָט־דער ראַט געמוזט דורכ־פירן...״

אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן דער טרויעריק־באַרימטער יודנראַט.

„די ערשטע אויפגאַבע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן דעם יודנראַט איז געווען דורכצופירן אַ צענזוס, אַ פאָלקס־ציילונג פון דער געטאָ־באַפעלקערונג״, דערציילט אונדז אַן אַמאָליקער

מיטגליד פונעם יודנראַט". „כאָטש מען האָט געדאַרפט רע־
גיסטרירן אומגעפער 360,000 מענטשן, האָבן די נאַצים באַ־
שטימט בלויז עטלעכע טעג פאַר אָט־דער אַרבעט. נאָר מיר
האָבן די רעגיסטראַציע פאַרענדיקט לויט דער באַשטימטער
צייט. די געשטאַפּאָ האָט אויסגעדריקט איר צופרידנקייט..."
(א. וויים Contemporary Jewish Record, N. Y., 1940, In Nazi
Warsaw א. וויים איז געווען אַ מיטגליד פון ערשטן וואַרשע־
ווער יודנראַט. אין 1940 איז ער אַנטלאָפן קיין אַמעריקע).

אַוודאי איז די געשטאַפּאָ געווען צופרידן מיט דער גו־
טער אַרבעט פונעם יודנראַט. זיי האָבן זיך געאיילט מיט דעם
איינשטעלן די געטאָ, וואָס איז געווען אַ טייל פון זייער אויס־
ראָטונג־פּראָצעס פון די יידן. אַן אַנדערער געראַטעוועטער פון
דער געטאָ זאָגט עס קלאָר: „...דער יודנראַט איז באַשאַפן
געוואָרן ווי אַן אינסטרומענט פונעם נאַצישן מאָרד־פּלאַן...
דער יודנראַט האָט דורכגעפירט די ברוטאַלע פּלענער פון
די נאַצים קעגן די יידן. אַזוי־אַרום איז דער יודנראַט געוואָרן
דער נאַצישער אַגענט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין דער
יידישער געמיינדע" (בערנאַרד גאָלדשטיין: „דהי סטאַרס בייר
וויטנעס", ניו־יאָרק, 1949, ז. 36).

מיט דריי וואָכן שפּעטער האָבן די דייטשן אָפיציעל פּראָק־
לאַמירט די עטאַבלירונג פון דער וואַרשעווער געטאָ. אַ גע־
שטאַפּאָ אָפיציר איז געקומען דירעקט צום יודנראַט און אי־
בערגעגעבן דעם באַפעל: „איר יידן, הערט זיך איין", האָט
ער שאַרף גערעדט צום יודנראַט. „אַלע יידישע איינוואוינער
פון וואַרשע מוזן פאַרלאָזן זייערע וואוינונגען... און זיך אַרי־
בערקלייבן אין די גאַסן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר
אַ יידישער געטאָ!"

דער אָפיציר האָט אַרויסגענומען אַ מאַפּע, אויף וועלכער
עס זיינען געווען אָנגעצייכנט די באַשטימטע געטאָ־גאַסן. דער
יודענראַט האָט שנעל צוגעשטימט און גענומען איינשטעלן די
געטאָ, אין וועלכער די יידן זאָלן אַריינגעטריבן ווערן.

די יידן האָבן אַרויסגעשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אַ גרייט־
קייט פאַר קאַמף, וואָס האָט געפאָדערט מיליטאַנטע פירער־
שאַפט, כדי די פאַשיסטן זאָלן כאָטש טייער באַצאָלן פאַר אָט־
דער גזירה באַלד ביים אָנהויב. ווען די נייעס האָט זיך פאַר־
שפּרייט, אַז דער יודנראַט קאָאָפּערירט מיט די נאַצים אין דער

עטאבלירונג פון א געטא, האט זיך צווישן די יידן אויפגעהויבן „א שרעקלעכע אויפרודערונג".

„טויזנטער מענטשן האבן זיך פארזאמלט פאר דער גע־ביידע פונעם יודנראט... די פאניק איז געווען אזוי גרויס, אז מען האט מורא געהאט, אז דער פארזאמלטער עולם וועט חרב מאכן די געביידע. דעמאלט האט דער פארטרעטער פון די ארבעטער, זיגלבוים, דורכגעפירט א געוואגטן שריט. ער האט גענומען ריידן צום עולם... ער איז געשטאנען אינמיטן גאס און גערעדט צו די העכער צען טויזנט מענטשן, רייד פון האפענונג און טרייסט. ער האט אפעלירט צו זייער געפיל פון ווירדע, זיי גערופן צו בלייבן אין זייערע דירות ביז מען וועט זיי מיט געוואלט פון דארט ארויסטרייבן, און ממש געבעטן זיך, אז קיינער זאל ניט גיין אין געטא פרייוויליק" (זיגלבוים־בוך, ז. 131).

אפילו אין אפריל, 1940, זיינען געווען גענוג באווייזן, אז אונטער א געהעריקער פירערשאפט וואלטן די ווארשעווער יידן געווען געשטעלט א ווידערשטאנד, און א געהעריקן ווידערשטאנד.

„אנפאנג אפריל, 1940, פאר פסח... איז אן אלטער, פרו־מער ייד אטאקירט געווארן פון א פוילישן כוליגאן... חבר פרידמאן, א פעסט־געבויטער ארבעטער פון די שעכט־הייזער, איז געקומען דעם יידן צו הילף און האט דעם פאליאק גוט אנגעשלאגן.

„אן עולם איז זיך צוזאמענגעלאפן און עס איז אויסגעבראכן א געשלעג צווישן יידן און פאליאקן. די דייטשע פאליציי האט ארעסטירט פרידמאנען און אים דערשאסן... די יידן האבן גע־ווארט אין טויט־שרעק...

„נאר דער פאגראם, וואס האט נאכגעפאלגט נאך דעם אינ־צידענט, איז שוין, ווייזט אויס, געווען ארגאניזירט פון פריער. כאפטעם כוליגאנעס האבן גענומען בושעווען אין די ווארשע־ווער, יידישע גאסן — ‚טויט די יידן!'

„די דייטשן האבן זיך ניט אריינגעמישט. זיי האבן ניט געהאלפן און ניט געשטערט די פוילישע פאגראמשטשיקעס. מיר האבן געזען שמייכלענדיקע דייטשן מיט פאטאגראפישע אפאראטן, וואס האבן מיט גרויס פארגעניגן פאטאגראפירט די ברוטאלע סצענעס. שפעטער זיינען מיר געוואויר געווארן, אז

די בילדער זיינען דערשינען אין נאַציִשע זשורנאַלן און אין קינאָס ווי אַ בוילעטער באַווייז, אַז די פּאַליאַקן באַפרייען זיך פון יידישער הערשאַפט...

„...מיר האָבן באַשלאָסן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד מיט ,קאַלטע' וואפן... מיט אייזערנע רערן און פּויסט-אייזנס... נאָר ניט מיט קיין מעסערס און ניט מיט שיס-געווער.

„עס זיינען מאָביליזירט געוואָרן אַלע קאַמף-אָפּטיילונגען — שלאַכטהויז-אַרבעטער, טראַנספּאָרט-אַרבעטער, פּאַרטיי-מיטגלידער. מיר האָבן זיי אָרגאַניזירט אין דריי גרופּעס... ווען די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך באַוויזן, זיינען זיי איבער-ראַשט געוואָרן פון דעם, וואָס האָט זיי דערוואַרט. באַלד האָט זיך אַנטוויקלט אַ בלוטיקע שלאַכט. אַמבולאַנסן זיינען אָנגע-פלויגן און אָפּגעראַמט די פאַרוואונדעטע כוליגאַנעס. אונדזערע אייגענע פאַרוואונדעטע האָט מען אויסבאַהאַלטן אין פּריוואַטע היימען, סיי כדי געבן זיי מעדיצינישע הילף, סיי כדי אויסבאַ-האַלטן זיי פון אַרעסט... די שלאַכט קעגן די אָרגאַניזירטע פּאָגראָמשטשיקעס האָט געדויערט עטלעכע שעה צייט און האָט געבושעוועט איבער דער גאַנצער געטאָ."

(ב. גאָלדשטיין, דאָרט, ז"ז 51-53.)

אָט אַזוי האָבן די יידן געקעמפט, פּאַקטיש מיט די הוילע הענט און פויסטן. עס האָט אָבער געפעלט אַ פּאַראייניקטע, מיליטאַנטע פירערשאַפט, בעת דער יודענראַט האָט פונקציאָ-נירט אין קאָאָפּעראַציע מיט די דייטשע אויסראָטער. די געטאָ איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ שרעקלעכער פאַקט...

די געטאָ: „ניטאָ קיין אויסוועג!"

די געטאָ־וואַנט... ביז צו דער נידעריקסטער עקזיסטענץ־שטופע...

דעם 16טן אָקטאָבער, 1940, האָבן די נאַציס אָפיציעל עטאַבלירט די געטאָ. ביז דעם 31טן אָקטאָבער האָבן אַלע יידן געמוזט זיין אין דער געטאָ. „די לעצטע וואָך פון אָקטאָבער 1940 איז געווען אַ וואָך פון קאָשמאַר און צעטומלטקייט", דער-ציילט אַ לעבן-געבליבענער. „פּרואווט אייך פאָרשטעלן אַ בילד פון זעקס הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס באַוועגן זיך אין אַן ענדלאָזן שטראָם איבער די גאַסן... מען שטופּט זיך, מען דזשווויגעט געפעק, מען שלעפּט דאָס ביסל פאַרמעגן אויף האַנט-וואַגנס פון יעדן טייל שטאָט צו די ענגע געטאָ-גאַסן, וואו די

ענגקייט ווערט מיט יעדער ניי־אָנגעקומענער גרופּע אַלץ גע־
דיכטער. מיר האָבן ניט געהאַט קיין אויטאָס, קיין פערד, קיין
שום הילף אין דעם אַריבערקלייבן זיך — בלויז שלעפּ־וואַגנס
אָנגעהורבעט הויך מיט די פאַרשידענע הויז־זאַכן. מיט אַ באַ־
זונדערן פאַרגעניגן האָבן די נאַציס איבערגעקערט אַט־די װע־
געלעך און געקוקט ווי די יידן קריכן אַרום צונויפשלעפּנדיק
זייער צעוואָרפן אייגנטום...״

(טאָסיאַ ביאַלער — אין „קאָליערס״, פעב. 2, 1943)

די נאַציס האָבן אויפגעשטעלט די געטאָ־וואַנט אין קנאַפּע
צוויי וואָכן. די צען פוס הויכע וואַנט האָט זיך געצויגן, גע־
שלענגלט און געדרייט אויף אַ לענג פון עלף מייל, אַרומגעצאַמט
און אָפּגעשלאָסן די געטאָ פון דער „אַרישער״ שטאָט אויף דער
„צווייטער זייט״.

ווי אַ צוגאָב צו אַט־דער אוממענטשלעכער האַנדלונג,
„...איז נאָך די געטאָ־וואַנט אויפגעבויט געוואָרן מיט יידישע
געלט. דער יודענראַט האָט געמוזט באַצאָלן אַ דייטשער פירמע
פאַר דער אַרבעט און דעם בוי־מאַטעריאַל... די ציגלנע וואַנט
איז געווען איבערגעשמירט מיט צעמענט, אין וועלכן עס איז
אַריינגעמישט געוואָרן צעבראָכן גלאָז מיט די שאַרפע שפּיצן
פון דרויסן, כדי מען זאָל ניט קענען אַריבערקריכן די וואַנט״.

(י. טורקאָוו, „אַזוי האָט פּאַסירט״, נ. י., 1949. ז. 106.)

געכאַפּט ווערן אויף „יענער זייט״ וואַנט, האָט געמיינט
אַ זיכערער טויט. בלויז מיט ספּעציעלע דערלויבענישן האָט
מען געמעגט אַריינקומען און אַרויסגיין פון געטאָ. די העכער
600,000 יידן האָבן מיט טיפן ווייטיק געזען, אַז ס׳איז ניטאָ
„קיין אויסוועג״.

ס׳רוב געטאָ־איינוואוינער האָט פאַרלאָרן יעדע מעגלעכ־
קייט פון אַ נאָרמאַלער פּרנסה. יידן האָבן ניט געטאָרט פאַר־
דינען מער ווי אַ באַשטימטע סומע פאַר זייער אַרבעט, ניט גע־
קוקט אויף זייערע קענטעניש, פייאיקייטן און פּראָפעסיעס.
די נאַציס האָבן באַלד איינגעשטעלט אַ שטרענגע סיסטעם פון
שפּייז־צעטיילונג און די יידן האָבן ניט געקראָגן אפילו דעם
מינימום פון נויטיקע שפּייזן. און דאָך — ווי נאָר די וואַנט איז
פאַרטיק געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן די שמוגל־אַקטיוויטעט,
און דער עקלעכער ספּעקטאַקל פון טייל רייכע יידן, וואָס האָבן,
ניט געקוקט אויף די הויכע פּרייזן פון שווארצן מארק, געלעבט

אין שרייענדיקן לוקסוס.

די נויט אַליין האָט דערפירט דערצו, אַז דער שוואַרץ־האַנדל זאָל ווערן אַן אָרגאַניזירטער און ברייט־פאַרשפּרייטער טייל פונעם געטאָ־לעבן. ס'איז פּאַקטיש געווען דער איינציקער אופן פון אַריינקריגן אין געטאָ די נויטיקע שפּייז צום לעבן. די קינדער האָט מען, אין אַ גרויסער מאָס, גאָר אינגיכן אויסגענוצט צו אָט־דער געפערלעכער אַקטיוויטעט פון שמוגלען. זיי האָבן זיך אַריבערגעגנבעט צו דער אַרישער זייט און דאָרט געבעטלט שטיקלעך ברויט און קאַרטאָפל. „מיט זייערע שוואַרץ־צונויפגעשלעפּטע אוצרות, האָט זיך דאָס קליינוואַרג צוריק אַריינגעגנבעט אין דער געטאָ דורך פאַרשידענע לעכער אין דער וואַנט... די משפחות פון די קינדער זיינען געזעסן אין שרעק אין די געטאָ־היימען און געוואַרט, אַז זייערע ברויטגעבער זאָלן זיך אומקערן. די שפּייז, וואָס איז פון די קינדער געבראַכט געוואָרן, האָט מען געשלונגען אינאיינעם מיט די אייגענע טרערן".

(ב. גאָלדשטיין, דאָרט, זז. 75-76.)

די געפאַר פאַר די קינדער איז באמת געווען זייער אַ גרויסע.

„איינמאָל, גייענדיק לענגאויס דער וואַנט, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שמוגל־אַקציע פון די קינדער. די אַקציע איז שוין געווען כמעט אַ פאַרענדיקטע. בלויז איין קינד האָט זיך נאָך געדאַרפט דורכשטופּן פון יענער זייט געטאָ דורכן לאָך אין דער וואַנט... אַ האַלבן קערפּער פונעם יינגל האָט מען שוין געקענט זען, ווען ער האָט פּלוצים אָנגעהויבן שרעקלעך צו שרייען... פון דער אַרישער זייט האָט זיך געהערט דאָס ווילדע רעווען פון אַ דייטש. איך בין צוגעלאָפן העלפן דעם קינד... צום אומגליק האָבן זיך דעם יינגלס היפטן פאַרטשעפּעט אין דער וואַנט.... איך האָב אים געשלעפּט מיט מיין גאַנצער קראַפט... ער האָט שרעקלעך געקוויטשעט. פון דער צווייטער זייט האָט זיך געהערט דאָס פאַלן פון שווערע קלעפּ... ווען עס איז מיר ענדלעך געלונגען דורכצושלעפּן דאָס יינגל, האָט עס שוין געהאַלטן ביים אויסגיין. זיין רוקנביין איז געווען צעשמעטערט".

(ע. שפּילמאַן: „דער טויט פון אַ שטאָט", וואַרשע, 1946.)

גרופּעס פאַריתומטע קינדער האָבן אָנגעהויבן אַרומוואַנדערן איבער דער געטאָ. זיי האָבן זיך דערנערט מיט וואָס עס

האָט זיך געלאָזט: „ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייע ‚פּראָפעסיע', די אַזוי־גערופענע ‚אויסכאַפּערס'. יינגלעך, גיכער שאָטנס פון אַמאָליקע יינגלעך, פלעגן אויסכאַפּן ביי פאַרבייגייער פּעקלעך און, אַנטלויפנדיק, אויפעסן פון זיי די שפּייז. ניט איינמאָל האָבן די אויסכאַפּערס, אין זייער איילעניש, זיך אָנגעשטאָפּט מיט זייף"...

(מ. איידלמאַן, „די געטאָ קעמפט", נ. י., 1946, ז. 6).

די לאַגע האָט זיך שנעל פאַרערגערט און אַ טיפוס־עפּי־דעמיע האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער געטאָ.

„די לאַגע פון די געטאָ־איינוואוינער איז שרעקלעך", — האָט דערציילט אַן אונטערערדישער, פּוילישער באַריכט אין יענער צייט — טויזנטער מענטשן וואַלגערן זיך אַרום אין שמאָ־טעס, שטאַרבן לאַנגזאַם אויס פון הונגער און בעטן אויף זיך דעם טויט".

די געטאָ איז אינגיכן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן גרוב פון ליידן און טויט. געננוי דאָס איז געווען די אַבזיכט פון די נאַציס: „הונגער און נויט וועט פאַרניכטן די יידן", האָט דער נאַצי קאָמענדאַנט פון וואַרשע געזאָגט צו זיינע טשינאָוו־ניקעס, „פון דער יודן־פראַגע וועט גאָרניט פאַרבלייבן, חוץ אַ בית־עולם".

(„דאָס שוואַרצע בוך", ז. 180.)

די פאַררעטער

דער יודנראַט... די יידישע פּאָליציי... די „13" קאָלאַבאָראַטאָרן

דער יודנראַט האָט זיך אַלץ געשטיצט אויף די מיאוסע ראַציאָנאַליזאַציעס, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר פאַר־רעטער. גאַנץ אָפט האָבן זיי אַרגומענטירט, אַז זיי זיינען די רעטער פון יידישן פאָלק. די סיבות פאַר קאָאָפּערירן מיט די נאַציס, וואָס זיי האָבן אָנגעגעבן: בעסער מקריב צו זיין אַ קליינע צאָל יידן איצט, כדי שפּעטער צו ראַטעווען אַ גרויסע צאָל. איין פאָרזיצער פונעם יודענראַט האָט געטענהט: „איך געפין זיך אין אַ שטייג מיט אַ הונגעריקן טיגער. איך שטאָפּ אַן זיין פּיסק מיט פלייש, פלייש פון מיינע ברידער און שוועס־טער, כדי צו האַלטן אים אין שטייג, אַז ער זאָל זיך ניט אַרויס־רייסן און אונדז אַלע פאַרצוקן..." (ר. הילבערג, דאָרט, ז. 316).

פינקטלעכער גערעדט: דער יודנראַט האָט געדינט די

אינטערעסן פון די רייכע, פון די פּריווילעגירטע ביוראָקראַטן, די שפּעקולאַנטן, די העכערע קלאַסן. אַ לעבן-געבליבענער שרייבט: „די נאַטור פונעם יודנראַט האָט זיך פולשטענדיק אַנטפּלעקט אין וואַרשע. די מאַסן האָבן אים געהאַסט".

סוף כל סוף איז דער יודנראַט, צוזאַמען מיט אַנדערע קאָלאַבאָראַטאָרן און מוסרים, באַזייטיקט געוואָרן פון די וואַקסנדיקע אָרגאַנען פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע.

דער זעלבער שרייבער זעצט-פאָר:

„. . . דער יודנראַט טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן געריכט פון דער געשיכטע — פאַר זיינע דורכפאַלן, פאַר דער יידישער פּאָליציי, איבער וועלכער ער איז געווען דער באַלעבאָס, און וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַנדע פאַרברעכער. ער איז אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קאָרופּציע... נאָר דערהויפּט פאַרדינט דער יודנראַט די טיפסטע פאַראַכטונג פאַר זיין גלייכגילטיקייט צו די שווידערלעכע ליידן פון די מאַסן און פאַר ניט אָנווענדן די נויטיקע, און מעגלעכע, הילף-מיטלען, כדי כאָטש אין אַ געוויסער מאָס צו פאַרלייכטערן די עקזיסטענץ פון די סאַמע אומגליקלעכסטע אין דער געטאָ...."

(מ. מאַזור, "The engulfed City," Jewish World, Oct., 1950)

אַלע אַקטיוויטעטן פונעם יודנראַט האָבן געהאָלפן דעם נאַצישן פּלאַן אויסצוהונגערן און צו פאַרניכטן די יידן. אַן אונטערערדישער, פּוילישער באַריכט, פונעם 23טן מערץ, 1942, זאָגט אַז „דער פּרייז פון די קאַרטלעך פאַר שפּייז-צעטיילונג, וואָס דער יודנראַט באַשטימט, האַלט אין איין געהעכערט ווערן... און אָרעמע מענטשן האָבן ניט מיט וואָס צו באַצאָלן".

דער יודנראַט האָט ניט נאָר צוזאַמענגעטריבן יידן פאַר דעפּאָרטאַציע אין די קאָנצענטראַציע-און טויטן-לאַגערן, נאָר האָט געמאַכט אַלע באַמיאונגען צו באַשיצן דעם קלאַס וועלכן ער האָט באַדינט:

„דער יודנראַט האָט פאַרשריבן פאַר די לאַגערן בלויז די אָרעמע מענטשן. די רייכע יונגע לייט, פון די בעסערע פאַמיליעס, האָבן געאַרבעט אין דער פּאָליציי... אָדער זיי האָבן זיך אויסגעקויפט פון פאַרשיקט ווערן אין די לאַגערן... די יידישע באַפעלקערונג איז פון דעם געווען זייער אויפגעבראַכט...."

י. טורקאָוו גיט אין זיינע מעמואַרן די פאָלגנדיקע באַשריי־בונג פון דער פאַרהאַסטער יידישער פאָליציי:

„די יידישע פאָליציי איז באַשטאַנען פון אַ גאַנצער אַר־מיי, ווי מען האָט זיי אָנגערופן, „אָרדנונג-מענער". אַרום יולי, 1942, האָט זייער צאָל דערגרייכט 2,500. זיי האָבן אַלע געטראָגן דעמזעלבן סאָרט מונדיר און גרויסע, ברייטע היטלען מיט אַ בלויען באַנד אַרומגענייט... בלויז מענטשן מיט פּראָ־פעסיעס... אָדער מיט אַ גימנאַזיע-דיפּלאָם, האָבן געקענט ווערן אָפיצערן..."

„לייקין, דער קאָמאַנדיר פון דער יידישער פאָליציי, איז געוואָרן דער טרעגער פון דער וואַרשעווער געטאָ... אין דאַנק־באַרער אָנערקענונג פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט [ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע] האָבן די דייטשן, נאָך זיין טויט, דערשאָסן זיין ווייב און זייער ניי-געבוירן קינד".

(י. טורקאָוו, „אַזוי האָט פּאַסירט", זז. 134-154.)

איינער פון די גרינדער פון דער וואונדערלעכער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע דערציילט אין זיינע דערינערונגען וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פונעם יודנראַט, דער פּאָליציי און די טרויעריק-באַרימטע „דרייצנטל".

„...פאַקטיש זיינען אַלע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן קאָ־לאַבאָרירט מיט די דייטשן, געווען פאַררעטער און אַ מאָרד־געצייג אין די הענט פון די נאַצים, ווייל זיי האָבן געהאָלפן אין דער דעפּאָרטאַציע פון יידן אין די טויטן-לאַגערן... די אָנפירנדיקע אינסטיטוציע צווישן זיי איז געווען דער יודנ־ראַט, וועלכער האָט דורכגעפירט די דייטשע באַפעלן און נאָך אַרויסגעקומען מיט אייגענע באַפעלן פון רעפּרעסיע. די געטאָ־פּאָליציי איז געווען די אויספיר-קערפּערשאַפט, האָט געמאַכט איבערפאַלן אויף יידן און געשלעפּט צו דער אַרבעט; זי האָט אַריינגעשטופּט יידן אין די טויט-וואַגאָנען, וואָס האָבן זיי גע־פירט צום אומקום, און זיי האָבן אין אַלגעמיין געהאָלפן די דייטשן אין דער ליקווידירונג פון דער געטאָ...

„דאָס ,דרייצנטל' איז געווען דער נאָמען פון אַן אינסטי־טוציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע, אין 1940. זייער קוואַרטיר איז געווען אויף 13 לעשנע גאַס — דערפאַר דער נאָמען ,דאָס דרייצנטל'. דער נאָמען פונעם אָנפירער איז גע־

וועז גאַנצוויין, אַן אַמאָליקער ציוניסט... פאַרן קריג איז ער געווען זייער אַקטיוו אין דער אַנטי־פאַשיסטישער באַוועגונג... אַן אינטעלעקטואַל און אַ פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליסט...

„אין 1933 איז ער געוואָרן אַ געשטאַפּאָ־אַגענט. דאָס דרייצנטל׳ האָט כלומרשט געדאַרפט זען, אַז די געטאָ זאָל זיין ריין און האָט געדאַרפט באַקעמפן די שפּעקולאַנטן... יעדע וואָך שיקט גאַנצוויין אַ באַריכט צו דער געשטאַפּאָ. מיר האָבן דע־מאַסקירט דעם אויסוואָורף״.

(צוקערמאַן, אַנטעק, אין „נאַשע סלאָווא״, וואַרשע, 1948)

די דייטשן האָבן כיטרע אויסגענוצט דעם יודנראַט, די געטאָ־פּאָליציי, „די דרייצן״ און אומצאָליקע מוסרים, ספּעקו־לאַנטן און אַנדערע מיאוסע עלעמענטן, צו צעשפּליטערן די איי־ניקייט פון די יידן. גלייכצייטיק האָבן זיי דורך פיזישן טעראָר און מאָרד צוגעגרייט די פולע ליקווידירונג פון דער געטאָ — דעם אָנהויב פון די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון די יידן אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

פאַשיסטישער פעלקער־מאָרד — 1942

די „דעפּאָרטאַציעס"... די „אַקציעס"... די שחיטות...

עס ווערט אָפּגעשאַצט, אַז ביז אָנהייב זומער 1942, זיינען אַן ערך 100,000 יידן אומגעקומען — קרבנות פון הונגער און עפּידעמיעס. דער פּעריאָד פון „דעפּאָרטאַציעס״ איז פאַר־געקומען פונעם 22טן יולי ביזן 3טן אָקטאָבער, 1942. דר. ישראל מילייקאָווסקי האָט אויפן פאָלגנדיקן אופן באַשריבן די דעפּאָר־טאַציעס (ער אַליין איז אומגעקומען אין דער צווייטער כוואַליע פון דעפּאָרטאַציעס):

„דאָס איז געווען אַ פאַרשיקונג צו אַן אומבאַשטימטן גורל. מענטשן זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון היימען, בוידעמער און קעלערס, באַגלייט פונעם געסווישטש פון בייטשן און דעם קנאַל פון ביקסן.

„דאָס איז געווען אַ פּראָצעס פון אַריינפּרעסן קינדער, אָפּ־געריסענע פון טאַטע־מאַמע, מענער און ווייבער, גרויסע, אָנגע־פּראַפּטע מענטשן־מאַסן, אָן ברויט און אָן וואַסער, אין פּראַכט־וואַגאָנען באַשטימט פאַר בהמות, אין אַ משונהדיקן כאַאָס און

ווילדער פאַרווירונג; אַט־די צונויפגעפּרעסטע מענטשן־מאַסע — אַלטע און יונגע, קראַנקע און געזונטע — זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן אויף אַ נסיעה צו אַן אומבאַקאַנטן אַדרעס, פון וועלכן עס איז ניט געווען קיין צוריקקער״.

(„הונגער״ — באַריכט פון „דזשאָינט דיסטריביושאַן קאָמיטעט״, וואַרשע, 1946.)

אין אַ בריוו פונעם 19טן יולי, 1942, האָט הימלער, דער הויפּט פון דער עס. עס., באַפוילן, אַז די „דעפּאָרטאַציעס״ פון דער וואַרשעווער געטאָ מוזן פאַרענדיקט ווערן אַרום דעצעמבער 1942. דעם 22טן יולי, 1942, איז דער יודנראַט אַרויס מיט אַ דעפּאָרטאַציע־באַפעל, לויט וועלכן „אַלע וואַרשעווער יידן, אָן אויסנאַם פון געשלעכט און עלטער, וועלן דעפּאָרטירט ווערן אין מזרח״. דאָס אויסמאָרדן פון אַ פאָלק האָט זיך אָנגעהויבן. און בעת 310,000 יידן זיינען געטריבן געוואָרן צום טויט קיין טרעבלינקע, האָט דער טאָג־טעגלעכער טעראָר אין דער געטאָ ניט אויפגעהערט:

„די דייטשן, די אוקראַינער, די געטאָ־פּאָליציי אַרבעטן זייער פיין האַנט אין האַנט. די ראָלן זיינען גענוי פאַרטיילט. די זשאַנדאַרן רינגלען אַרום די גאַס; די אוקראַינער רינגלען אַרום די הייזער; די יידישע פּאָליציי גייט אַריין אין די הויפן, רופט אַרויס די איינוואוינער: ,אַלע יידן אַרויס פון די דירות! געפּעק דערלויבט — 30 קילאָ. ווער עס בלייבט אין די דירות, ווערט דערשאָסן!׳... מענטשן לויפן... איבערגעשראָקן, לויפנדיק שטעלט מען זיך אויס אין גרופּעס... איצט ווערן די, לויט באַפעל אָפּן־געבליבענע, דירות דורכגעזוכט פון די אוקראַינער. פאַרמאַכטע טירן קאָפּען זיי אויף מיט זייערע שטיוול, אָדער מיט דער קאָלבע פון דער ביקס. עטלעכע שאָסן באַדייטן, אַז די, וואָס האָבן ניט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל אַרויסצוקומען זיינען שוין אומגעקומענע... די בלאָקאַדע איז פאַרענדיקט...״

(מ. איידלמאַן, דאָרט, ז. 21)

פאַרשטייט זיך, אַז קיין רחמנות איז קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן געוואָרן:

„אַן אַכצן־יאָריק מיידל, אָװעקגעריסן פון איר מאַמען, קלאַמערט זיך פאַרצווייפלט צו אַ דייטש, קניט פאַר אים, קושט זיינע שטיוול.... ,מאַמע! מאַמע!׳ האַלט זי אין איין שרייען.

„דאָס איינציקע וואָרט, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע ליבשאַפט און היילקייט פון דער מענטשהייט, אָט־דאָס איינציקע וואָרט דריקט־אויס מיט זיך דאָס טיפסטע געבעט פאַר רחמנות. נאָר דער פאַשיסט האָט אַ דייטשע מוטער, און דאָס וואָרט ,מאַמע' רירט אים ניט. מיט אַ קאָפּע פונעם שטיוול שטויסט ער אָפּ דאָס מיידל.

„אויסער זיך פון פאַרצווייפלונג, לאָזט זיך דאָס מיידל לויפן נאָך דער מאַמען. זי כאַפּט אָן איר קלייד. די מאַמע גלעט איר אויטאָמאַטיש דעם קאָפּ.

„דער נאַצי קוקט מיט אַ דינעם שמייכל פון אַן עקספּערט. איצט באַשליסט ער, אַז די סצענע האָט דערגרייכט איר הויךפּונקט. ער הויבט אויף דעם רעוואָלווער און שיסט... דאָס מיידל פאַלט... אַ מאָדנע שמייכל באַווייזט זיך אויף דער מאַמעס ליפּן, אַ שמייכל, שוין פון אַן אַנדערער וועלט. דער נאַצי גיט איר אַ שטויס, אַ שניט מיט דער לאַנגער בייטש — דער אָפּקלייב איז פאַרענדיקט. מיר מאַרשירן צו די וואַגאָנעס..."
(י. קערמיש, „אַקציעס און דעפּאָרטאַציעס", וואַרשע, 1946)

„וויין ניט, מאַמע..."

„זאָסיע איז געווען אַ קליין מיידל... בעת אַן ,אַקציע' האָט אַ דייטש באַמערקט אירע טונקעלע שטראַלנדיקע אויגן, אויגן ווי בריליאַנטן.

„איך וואָלט פון זיי געקאָנט מאַכן צוויי פינגערלעך. איינס פאַר מיר און איינס פאַר מיין פרוי. לאָמיר אַ קוק טאָן צי זייַנען זיי טאַקע אַזוי שיין..."

„צווישן די נאַצים שטייגט די פרייליכקייט... איינער פון די וויציקסטע פון זיי שלאָגט פאָר מען זאָל די אויגן אַרויסנעמען. אַ שאַרפער קוויטשן רייסט זיך דורך אונדזער מאַרך, לעכערט דאָס האַרץ. דאָס געלעכטער טוט וויי, ווי ס'וואָלט זיך אַ מעסער איינגעשניטן אין גוף. ס'מישן זיך אויס דאָס געלעכטער מיטן קוויטשען און די קולות רייסן זיך צו די הימלען. אוי, גאָט אין הימל, וועמענס קול וועסטו פריער דערהערן?

„...דאָס קינד ליגט אויסגעשטרעקט... אַנשטאָט צוויי אויגן, שטאַרן אַרויס צוויי בלוטיקע וואונדן. אַרומיקע פרויען האַלטן צוריק די משוגע־געוואָרענע מוטער.

„צופעליק האָב איך זיך מיט צוויי וואָכן שפּעטער אָנגע־שטויסן אויפן מיידעלע. ס'איז געווען איינער פון די שטילע טעג. דאָס קינד איז געלעגן אין בעט, די אויגן אַרומגעבונדן מיט אַ טאַשן־טיכל. דאָס מיידעלע האָט געגלעט דער מאַמעס האַנט און געטרייסט: ,ווייַן ניט, מאַמעשי טייערע, ס'האָט מסתּמא געדאַרפט אַזוי צו זיין. ס'איז נאָך אַלץ בעסער אַזוי, ווי געהאַרגעט צו ווערן. נאָך דער מלחמה וועל איך אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, און כ'וועל דערציילן ווי די דייטשן האָבן אונדז געמוטשעט. דעמאָלט וועלן אַלע פאַר־שטיין, אַז מען מוז נעמען נקמה. און ווען איך וועל אַראָפּנע־מען דעם באַנדאַזש פון מיינע אויגן, וועט שוין קיינער ניט קענען רחמנות האָבן אויף די דייטשן'...

„אין איינער פון די שפּעטערדיקע ,אַקציעס' איז זאָסיע דע־פּאָרטירט געוואָרן. ס'איז, פאַרשטייט זיך, געווען נייטיק אומ־צוברענגען דאָס בלינדע מיידעלע..."

(נ. שאַץ־וויינקראַנץ — „אַוועק מיט די פלאַמען", לאָדזש, 1947)

אַזוי האָט זיך עס געצויגן העכער זעקס לאַנגע מאָנאַטן. הימלער איז פּערזענלעך געקומען אין דער געטאָ אַ קוק צו טאָן אויף זיין אַרבעט. דאָס איז געווען אָנהויב יאַנואַר, 1943. ער איז געווען אויסער זיך, וואָס די „דעפּאָרטאַציעס" זיינען נאָך ניט געווען פאַרענדיקט. ער האָט תיכף באַפוילן, אַז די געטאָ מוז פולשטענדיק ליקווידירט ווערן ביז צום 15טן פעברואַר.

ווידערשטאַנד!

דער פאָלקס־ווילן צו קעמפן, צו לעבן... דער קאַמף פאַר איי־ניקייט און אָרגאַניזאַציע... די דערגרייכונג פון איי־ניקייט... אַפּריל 19, 1943...

מיט הימלערס באַפעל פאַר דער פולשטענדיקער ליקווי־דירונג פון דער געטאָ איז געקומען דער מאָמענט פאַר איינעם פון די וואונדערלעכסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון העל־דישקייט, ניט בלויז פון יידן, נאָר פון דער מענטשהייט אַליין.

מיר, וואָס זיינען אָפּגערוקט מיט 20 יאָר פון יענע גרויסע געשעענישן, מוזן שטענדיק געדענקען די ווערטער פון בער מאַרק, דער היסטאָריקער און געטאָ־קעמפער און איצט דער די־

רעקטאָר פונעם „יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט" אין וואַרשע:
„דער אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ איז ניט געקו־
מען ווי אַ בליץ פון אַ לויטערן הימל".

„ער איז געקומען ווי אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פו־
נעם גייסט, וואָס האָט באַהערשט די געטאָ. דער אויפשטאַנד
פון אַפּריל, 1943, איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון פלאַן און
אַקציע, פון באַשטימטע, אינערלעכע אַנטוויקלונגען, וואָס זיי־
נען דערגרייכט געוואָרן דורך לאַנגע, פאַרצווייגטע צוגרייטונ־
גען, ווי אויך פון דרויסנדיקע, טעכנישע צוגרייטונגען. אַט־די
אַנטוויקלונגען האָבן צוגעגרייט דאָס פאָלק פּסיכאָלאָגיש צום
ווידערשטאַנד".

(בער מאַרק: „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ")

מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז אין תוך זיינען די וואַרשע־
ווער יידן געווען קעמפער, ניט קיין טרוסן, ניט קיין מילדע
שעפסן, וואָס וואַרטן מען זאָל זיי פירן צו דער שחיטה. וואָס
עס האָט זיך געפאָדערט פון סאַמע אָנהויב, איז געווען אַ פאַר־
אייניקטע, אָרגאַניזירטע, מיליטאַנטע פירערשאַפט.

עס איז זייער וויכטיק צו פאַרשטיין, ווי טיף דאָס פעלן
פון אַ מיליטאַנטער, אָרגאַניזירטער פירערשאַפט און דאָס פעלן
פון קאָנקרעטע, מאַטעריעלע מיטלען פאַר אָרגאַניזאַציע האָבן
באַווירקט די געשעענישן.

צוליב דעם, וואָס דאָס ווערט אין געוויסע שרייבער־קרייזן
ניט פאַרשטאַנען, האָט זיך לעצטנס אַנטוויקלט די מאָדע ביי
אַט־די מענטשן — באַזונדערס ביי געוויסע אַמעריקאַנער שריי־
בער — צו מינימיזירן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון די
געטאָ־קעמפער און, גייענדיק אַפילו ווייטער, אינגאַנצן אוועק־
צומאַכן מיט דער האַנט דעם יידישן ווידערשטאַנד, און דעם
פּעריאָד פון נאַצישער יידן־אויסראָטונג.

פאַר אַט־די פּריש־געבאַקענע קריטיקער זיינען די געטאָ־
קאַמפן פון אַפּריל, 1943, ניט מער „ווי אַן אַקט פון יידישער
פאַרצווייפלונג" אָדער „אַ באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס אַן וועלכן
עס איז באַדייט", אויף ווי ווייט דאָס האָט אַ שייכות צו דער
פאַרניכטונג פון די יידן דורך די נאַציס.

אַט־די איינשטעלונג איז אַ פאַלשע. זי פאַרלייקנט אַלע
באַקאַנטע פאַקטן פונעם געטאָ־אויפשטאַנד און די ראָלע, וואָס
דער יידישער ווידערשטאַנד קעגן היטלער־דייטשלאַנד האָט גע־

שפילט אין אַנדערע ערטער. דאָס איז אַ פאַרקריפּלונג, אַ באַ־לייזיקנדיקע פאַלשקייט, וואָס טוט אָן שאָדן אונדזער פאָלק.

גרונט-עלעמענטן פון ווידערשטאַנד

די הויז־קאָמיטעטן... געטאָ־מאָראַל... קולטור־וויטאַליטעט...

אַחוץ די שוין־דערמאָנטע אינצידענטן, וואָס אונטער־שטרייכן דעם גייסט פון ווידערשטאַנד פון די געטאָ־יידן, זיינען אויך געווען אַנדערע — מער גרינטלעכע — עלעמענטן, וואָס האָבן דערפילט צו אַ פולן, פאַראייניקטן, אָרגאַניזירטן און באַוואָפנטן אויפשטאַנד דעם 19טן אַפּריל...

לאָמיר באַטראַכטן די הויז־קאָמיטעטן: „איינע פון די גרעסטע געטאָ־דערגרייכונגען, איז געווען דאָס באַשאַפן פון הויז־קאָמיטעטן. אָט־די אַרבעט האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרע ווירקונג. אַזוי גרויס איז געווען די ווירקונג, אַז יעדעס געטאָ־הויז איז געוואָרן אַ מין ,זעלבשטענדיקע שטאָט׳, וואָס האָט אָנגעפירט אַן אַקטיוו לעבן אונטער דער אויפזיכט פון זעלבסט־הילף [געמיינזאַמע, עפנטלעכע קיכן, אַ. אַז. וו.].”

(י. טורקאָוו, דאָרט, זז. 69־70.)

פון גרעסערער וויכטיקייט, לויט די דערינערונגען פון דעם זעלבן מיטבאַטייליקטן עדות, איז געווען דאָס פּאָליטישע באַוואוסטזיין פון די הויז־קאָמיטעטן:

„דאָס [די ווירקזאַמקייט פון די הויז־קאָמיטעטן] האָט באַשאַפן די מאָדנע סיטואַציע וואָס דער יודנראַט, וועלכער האָט געהאַט אין זיין דינסט די אויספיר־קערפּערשאַפטן — די פּאָליציי און דעם גאַנצן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, האָט אין אַ סך הינזיכטן געמוזט זוכן די קאָאָפּעראַציע פון די הויז־קאָמיטעטן און די געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען אַרום זיי... נאָר ניט געקוקט אויף די אָנשטרענגונגען פונעם יודנראַט אַריינצו־דרינגען אין דער ,פעסטונג׳, וואָס עס האָבן מיט זיך פאָרגע־שטעלט די הויז־קאָמיטעטן, האָט זיך אים ניט איינגעגעבן אויס־צואיבן צווישן זיי וועלכן עס איז ווירקזאַמען איינפלוס”.

נאָך עפּעס איז ווערט צו באַמערקן: ניט געקוקט אויף דער באַרוטאַליטעט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, זיינען צווישן די יידן אין געטאָ פאָרגעקומען וויייניק זעלבסטמאָרדן. דאָס איז באַזונדערס אמת וועגן די אַרבעטער־עלעמענטן. דער אומגע־קומענער היסטאָריקער, דר. עמנואל רינגלבלום, דערציילט וועגן

אַט־דעם וויכטיקן פאַקט אין זיינע היסטאָרישע טאָג־ביכער:
„ס'איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז עס זיינען כמעט ניט פאָרגעקומען קיין זעלבסטמאָרדן אין געטאָ... פאַרוואָס זיינען פאָרגעקומען בלויז עטלעכע הונדערט זעלבסטמאָרדן צווישן די 300,000 קרבנות? דערפאַר, ווייל די מאַסע פון דער באַפעלקערונג האָט געשטעלט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד אַזוי לאַנג ווי נאָר מעגלעך. אויף דער פראַגע, פאַרוואָס די יידן האָבן זיך ניט פאַרטיידיקט, מוז מען ענטפערן, אַז פון אָנהויב אָן איז פּסיכאָלאָגיש געשטעלט געוואָרן אַ שטאַרקער און ווירקזאַמער ווידערשטאַנד. קיין שום פאָלק אין דער וועלט וואָלט ניט געוועזן געקאָנט אָנהאַלטן אַזאַ גייסטיקע פאַרבונדנקייט און אויסהאַלטן אַזוי לאַנג די יסורים. דער בעסטער באַווייז איז... די קליינע צאָל זעלבסטמאָרדן צווישן די וואַרשעווער יידן..."
(רינגלבלום, „נאָטיצן פון דער וואַרשעווער געטאָ", זז. 294־296.)

נאָך אַ לעבן־געבליבענער פון דער געטאָ, וואָס איז איצט אַן אַרכיוויסט אין פּאַריז, פאַרצייכנט די זעלבע, פּאָזיטיווע דער־שיינונג: „.... אין געטאָ זיינען כמעט ניט פאָרגעקומען קיין זעלבסטמאָרדן", שרייבט מ. מאַזור אין עם אויגוסט, 1950, נו־מער פון דער „יידישע וועלט": „די נאַציס, ווייזט אויס, האָבן ניט געקענט באַנעמען פאַרוואָס די יידן אין געטאָ האַלטן זיך אַזוי עקשנותדיק אָן זייערע לעבנס און אַז דאָס איז אַ טייל פון זייער האָפענונג און צושטייער צו דעם זיג איבער דעם פאַ־שיזם, צו דערלעבן דעם אויפגאַנג פון אַ נייער, גערעכטער וועלט".

ווייטער איז וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז ביז צום אויס־ברוך פון פוילן, אָפענעם קאַמף, איז פאַר קיין איין רגע ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן די קולטור־טעטיקייט אין דער געטאָ. עס זיינען געווען אָרגאַניזירטע, פונקציאָנירנדיקע קינדער־שולן, אַ צענטראַלע ביבליאָטעק; עפנטלעכע פאָרטראַגן, קאָנצערטן, קאַמער־מוזיק, כאָרן און פאָרלעזונגען פון פּאָעזיע און פּראָזע. דער דראַנג פאַר אַ פול, שעפעריש לעבן איז קיינמאָל ניט פאַר־שוואונדן, ווי עס פאַרצייכנט דר. רינגלבלום:
„עטלעכע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו האַלטן פאָרטראַגן ביי השומר־סעמינאַרן, צו האַלטן לעקציעס פאַר אַ יוגנט, וואָס האָט הויך געטראָגן די פאָן פון אידעאַליזם אין דעם ים פון

אַרומיקן נאַצישן באַרבאַריזם, איז געווען איינע פון מיינע ריירנ־דיקסטע דערפאַרונגען. ווען איך האָב געקוקט אויף די שטראַלנ־דיקע פנימער פון די יונגטלעכע, האָב איך פאַרגעסן, אַז עס גייט אָן אַ מלחמה אויף דער וועלט".

(ע. רינגלבלום: „חבר מרדכי" — אַ מאָנאָגראַפיע וועגן מרדכי אניליעוויטש.)

די סעמינאַרן האָבן געהאַט אַ זייער פראַקטישן ציל: פּאָ־ליטישע אינסטרוקציע און אָרגאַניזאַציע. דער השומר הצעיר איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם יונגן, לעגענדאַרישן מרדכי אַני־ליעוויטש, דעם 25־יאָריקן קאָמאַנדיר פון דעם געטאָ־אויפ־שטאַנד. ער און זיינע חברים האָבן אָנגעפירט אַזוינע סעמי־נאַרן אין נאָענטסטער שכנות מיט די דייטשע וועכטער פון די געטאָ־טויערן. זייער הויפּט־קוואַרטיר איז געווען פונקט קעגנ־איבער און דאָך האָבן זיי געטאַנצט האָראַס און געזונגען זייערע רעוואָלוציאָנערע לידער. טאָקע אין אָט־דער קוואַרטיר, צוזאַמען מיט אַנדערע יונגע סאָציאַליסטן, ציוניסטן און קאָמוניסטן, האָט מרדכי אַניליעוויטש זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין דעם טיפן באַ־דייט פונעם געטאָ־קאַמף, ווי עס דערציילט אין זיינע מעמוארן דר. רינגלבלום:

„דער יונגער, שנעל־רייף־ווערנדיקער חבר מרדכי האָט פאַרשטאַנען, אַז אינעם איצטיקן מאָמענט שטייט פאַר בלויז איין פראַגע: וואָס פאַר אַ טויט וועלן די פוילישע יידן פאַר זיך אויסקלייבן? וועט עס זיין אַ טויט פון שעפּסן, וואָס לאָזן זיך, אָן ווידערשטאַנד, פירן צו דער שחיטה, צי פון אַ פאָלק מיט ווירדע, וואָס וויל, אַז דער שונא זאָל מיט בלוט באַצאָלן פאַר זייער טויט? חבר מרדכי האָט ניט געוואָלט, אַז עס זאָל דעם שונא אָנקומען גרינג דאָס אויסקוילן די יידן; עס וועט אים מוזן קאָסטן בלוט.

„חבר מרדכי האָט געקלאָגט... [אַז] מען האָט געדאַרפט מושטירן די יוגנט ווי צו באַנוצן קאַלטע און הייסע וואָפן. מען האָט זיי געדאַרפט דערציען אין גייסט פון נקמה קעגן דעם גרעסטן שונא פון די יידן פון אַלע צייטן און אַלע פעלקער!"
(רינגעלבלום, דאָרט).

דר. רינגלבלום האָט געשריבן, אַז עס איז געווען „די יוגנט...! די בעסטע, די שענסטע, די נאָבלסטע פונעם יידישן פאָלק... זיי האָבן געטראַכט און גערעדט בלויז וועגן אַ טויט

מיט ווירדע. זיי האָבן ניט געטראַכט וועגן איבערלעבן די מלחמה. זיי האָבן ניט פאַרשאַפט פאַר זיך קיין „אַרישע׳ פּאַפּירן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין דירות אויף „יענער זייט׳. אַלץ, וואָס זיי איז אָנגעגאַנגען, איז געווען צו געפינען דעם ווירדיקסטן און ערנהאַפטסטן טויט, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַלט פאָלק מיט אַ געשיכטע פון עטלעכע טויזנט יאָר״.

פון אַט־אַזאַ מאַטעריאַל זיינען געשאַפן געוואָרן די געטאָ־קעמפער.

אָנשטרענג צו אָרגאַניזאַציע און איינקייט

אָנהויב 1942 האָט נאָך ניט עקזיסטירט קיין צייכן פון פאַראייניקטן ווידערשטאַנד. ערשט אין פעברואַר זיינען פאָרגעקומען עטלעכע קאָנפערענצן פון מיליטאַנטע גרופּן: די פּ. פּ. ר. (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, קאָמוניסטן), רעכטע און לינקע פּועלי־ציון, השומר הצעיר און החלוץ (דער „בונד״ האָט זיך אין אָנפאַנג ניט געוואָלט אָנשליסן).

דער נאַצי־פּלאַן אײנגאַנצן צו פאַרניכטן די געטאָ־יידן, האָט זיך אָנגעהויבן יולי, 1942, און דער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק איז זיך פונאַנדערגעפאַלן. די פאַרשידענע זעלבסט־שוץ־גרופּעס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן.

אַרום אָקטאָבער, 1942, אַדאַנק די העראָאישע און עקשנותדיקע אָנשטרענגונגען פון די, וואָס האָבן געוואָלט אַ מיליטאַנטן ווידערשטאַנד, איז אויך דער „בונד״ אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ פאַראייניקטער גרופּע, וואָס איז געווען גרייט צו פאַרגעסן פאַרן מאָמענט אַלע אידעאָלאָגישע מחלוקתן און זיך פאַראייניקן אין אַ געמיינזאַמען קאַמף. פון אַט־דער פאַראייניקונג איז אַרויסגעוואַקסן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע (אין פּויליש „זשאָב״ — ראשי תיבות פון „זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָווואַ״), דער מיליטערישער צווייג פונעם ווידערשטאַנד, מיט מרדכי אַניעלעוויטשן אַלס קאָמאַנדיר.

וואָס עס האָט געמיינט אַט־די פאַראייניקונג לאָזט זיך זען פונעם פאָלגנדיק „בונד״־באַריכט:

„אונדזער פּאַרטיי [,דער בונד׳] איז געווען אַ מיטגליד אין דער באַוואָפנטער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע העכער זעקס חדשים [פון אָקטאָבער, 1942, ביז מאַי, 1943]. מיר האָבן זיך פאַראייניקט מיט אַלע יידישע, ציוניסטישע אונטערערדישע אָר־

גאַניזאַציעס. אונדזערע חברים האָבן געלעבט און געאַרבעט מיט די אַנדערע ווי מיט נאָענטע מיטגלידער פון איין משפּחה. געמיינזאַמע צילן האָבן אונדז פאַראייניקט. דורך דער גאַנצער צייט... זיינען ניט פאָרגעקומען קיין קריגערייען, אָדער אינער־לעכע צוויסטיקייטן, וואָס זיינען אַ געוויינלעכע דערשיינונג צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע אידייאָלאָגיעס. אַלע האָבן געאַרבעט איבער די כוחות פאַר דער פּאַרטיידיקונג פון אונ־דזער אַלעמענס ווירדע; אַלע האָבן גלייך געקעמפט אין דעם היסטאָרישן געראַנגל אויף לעבן און טויט. עס איז ניט גע־ווען קיין אונטערשיד צווישן מיטגלידער פון אונדזער פּאַרטיי און די אַנדערע, ווען מען האָט זיך געדאַרפט מקריב זיין, אָדער דורכפירן אַ זעלנערם פליכט ביזן סאַמע סוף..."

(באַריכט פון „בונד", וואַרשע, 1945, ז. 60.)

פון אָט־דער קאָנקרעטער פאַראייניקונג איז אַרויסגעוואַקסן די לאָזונג: „מיר זיינען אַלע ברידער און קינדער פון איין משפּחה!" אַ לאָזונג, וואָס האָט געהאָלפן לייגן די באַזע פאַר קאַמפס־אייניקייט אין דער וואַרשעווער געטאָ.

באַוואָפנטער ווידערשטאַנד

אָפּווישן די פאַררעטער... שאַפן און פאַבריצירן וואָפן... די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיט די ס. ס.־טרופּן... יודנראַט גיט צו דורכ־פאַל... הימלער באַפעלט ליקווידירן די וואַרשעווער געטאָ.

די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז נאָך ניט גרייט געווען צו אַן אָפענעם קאַמף מיט דער ס. ס. ווערמאַכט. מען האָט נאָך געדאַרפט מאַכן צוגרייטונגען...

„די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן צו ליק־ווידירן אַלע יידישע געשטאַפּאָ־לייט און אַלע פאַררעטער", פאַרצייכנט יאָנאַס טורקאָוו, אַליין אַ געטאָ־קעמפער, אין זיינע מעמוארן.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנצענטרירטע און זייער דערפאָלגרייכע אַרבעט פון די יידן צו ליקווידירן די פאַררעטער צווישן זיך. אין אַ פאַרצייכענונג פון דר. רינגעלבלום, דאַטירט דעצעמבער 5, 1942, שרייבט ער:

„...איצט איז געקומען די צייט פון חשבון־הנפש... נעמען נקמה אין די שולדיקע. אַ געהיימע האַנט האָט אָוועק־

געלייגט לייקינגען [קאָמאַנדיר פון דער יידישער פּאָליציי], וואָס איז געווען איינער פון די הויפּט-שולדיקע אין די דע־פּאָרטאַציעס. איצט ווערט די יידישע פּאָליציי... פאַרפאָלגט אויף יעדן מעגלעכן אופן. ניט בלויז די יידן, נאָר די פּאָליאַקן ווייזן צו זיי אַרויס זייער שנאה. די יידישע פּאָליציי... איז אויסגעזעצט צו כסדרדיקע אַטאַקעס מצד די פּוילישע אַרבע־טער... אין די פאַבריקן... אַלע אַמאָליקע פּאָליציאַנטן זיינען אויסגעשלאָסן פון די פאַבריק-אָנגעשטעלטע... די אַמאָליקע פּאָליציאַנטן ווערן אויסגעשפּירט און פאַרטריבן, וואו זיי באַ־ווייזן זיך..."

(רינגעלבלום, זז. 274-270.)

די האַנט פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איז אַ גערעכטע: יידישע פּאָליציי-אָנפירער, די רייכע ספּעקולאַנטן און קאָלאַבאָראַטאָרן, די „מיליאָנערן פון דער געטאָ", די אינ־דוסטריאַליסטן, וואָס האָבן עקספּלואַטירט זייער אייגן פאָלק דורך דער גאַנצער צייט פונעם נאַצי-טעראָר, זיי, צוזאַמען מיט די מוסרים פונעם „דרייצנטל" און דעם יודענראַט, ווערן איינ־ציקווייז, אָבער אין גרופּעס, ליקווידירט. דאָס געשעט צו יע־דער צייט — ביינאַכט, פרימאָרגנס ווען זיי גייען צו דער אַר־בעט, אָדער אינמיטן העלן טאָג, פאַר די פאַרוואונדערטע אויגן פון זייערע נאַצי-באַלעבאַטים פירט די יידישע קאַמף-אָרגאַני־זאַציע אויס די טויט-אורטיילן!

נאָכדעם האָט די יידישע קאַמף-אָרגאַניזאַציע זיך גענומען צו דער אויפגאַבע פון באַוואָפענונג. אָט-די אַרבעט איז געווען זייער אַ גרויסע און אַ סובטילע, ווי עס לאָזט זיך זען פון פאָלגנ־דיקע באַריכטן פון מיטבאַטייליקטע אינעם אויפשטאַנד:

„מיר האָבן ווידער אויפגעבויט אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע, דאָס מאָל ניט אַליין, נאָר געמיינזאַם, און ווידער איז געשטאַ־נען די גרויסע פּראָבלעם — וואָפן... אין געטאָ זיינען קיין וואָפן כמעט ניט געווען... עס מוז גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז דאָס איז געווען 1942. די פּוילישע רעזיסטאַנץ-באַוועגונג האָט זיך דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן. וועגן די פּאַרטיזאַנען אין די וועלדער האָבן זיך אַרומגעטראָגן בלויז נעפּלדיקע קלאַנגען. מען מוז געדענקען, אַז די ערשטע, אָרגאַניזירטע קאַמפּס-אַק־ציעס פון די פּאָליאַקן האָבן זיך ניט אָנגעהויבן ביז מערץ, 1943. דערפאַר איז עס גאָר ניט קיין חידוש, וואָס עס איז

געווען שווער צו באַקומען וואָפן... מיר האָבן באַקומען בלויז עטלעכע פּיסטוילן פון דער פאָלקס־אַרמיי און בלויז צען פּיס־טוילן פון דער היים־אַרמיי...

„געווער ווערט אַריינגעשמוגלט אין געטאָ, פּונקט ווי אַנ־דערער קאָנטראַבאַנד. אונטערגעקויפטע, פּוילישע פּאָליציאַנטן קוקן אין אַ זייט. די שווערע פּעקלעך ווערן אַריבערגעוואָרפן איבער דער וואַנט אויף באַשטימטע ערטער... אַן אַקטיווער פּאַרקער מיט דער ,אַרישער׳ זייט... פּאַר אַ גרויסן איינקויף פון אויפרייס־שטאָפן [ווי צום ביישפּיל 2,000 ליטער גאַזאָלין]..."

(איידעלמאַן, דאָרט, זז. 29-33.)

דערנאָך די פאָלגנדיקע קריטישע אַנטוויקלונג:

„אַ דערמוטיקנדיקער ווענדפּונקט איז פאָרגעקומען אין אונדזער לעבן!" פאַרצייכנט אַ מיטגליד פון דער געהיימער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, ווי אַזוי די אָרגאַניזאַציע האָט געפירט די קאַמפּאַניע פאַר געווער. „מיר אַליין פּראָדוצירן אונדזער גע־ווער!" די יידן האָבן זיך אויסגעלערנט פּראָדוצירן זייער אייגן געווער — באָמבעס, גראַנאַטן, קוילן, „מאָלאָטאָוו קאָקטיילס". די קעלערס זיינען געוואָרן אמתע געווער־פאַבריקן. מען האָט די וואָפן אויספּראָבירט און פאַרבעסערט. די יידישע קעמפער זיינען מושטירט געוואָרן ווי צו באַנוצן דאָס ביסל געווער, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג.

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט דערנאָך אַנטוויקלט איר אייגענעם, געהיימען פאַרקער־סיסטעם הויך איבער די געטאָ־גאַסן — דורך די בוידעמער. לעכער זיינען געמאַכט גע־וואָרן אין די בוידעם־ווענט פון די געביידעס, און אָט־די לעכער האָבן געדינט ווי דורכגאַנגען פון הויז צו הויז. אויף אַזאַ אופן איז מעגלעך געווען זיך צו באַוועגן פון איין גאַס צו דער צווייטער, פון איין עק געטאָ צום צווייטן און ניט געכאַפּט ווערן פון די נאַציס:

„די בוידעמער האָבן געשפּילט אַ באַזונדערע ראָלע אינעם אויפשטאַנד פון דער געטאָ. זיי זיינען געווען די איינציקע וועגן, איבער וועלכע קאַמפּס־גרופּן האָבן געקענט גיין פון איין פּונקט צו אַ צווייטן. די קאַמף־סטראַטעגיע, וואָס איז באַנוצט גע־וואָרן, האָט געפאָדערט האַלטן אַ פּאָזיציע אַזוי לאַנג ווי מעג־לעך... און אין דער לעצטער מינוט זיך צוריקציען צו אַן אַנ־

דערן פונקט דורך די בוידעמער... אויף די בוידעמער זיינען אויך איינגעשטעלט געוואָרן די אָבזערוואַציע־פּאָסטנס... נויטיק פאַר אָנפירן מיטן קאַמף...״

(מ. באַרזשיקאַווסקי: „צווישן פאַלנדיקע ווענט״, וואַרשע, 1949, זז. 56-59.)

די וואַרשעווער יידן, אָנגעפירט פון אַ 24־יאָריקן יונגן מאַן, האָבן געמאַכט אַ שאַרפן קער. כאָטש אַ סך קלענער אין צאָל און גאָר שוואַך באַוואָפנט, האָבן זיי זיך געשטעלט קעגן היטלערס „עס. עס.״ און זיין ווערמאַכט.

„דעם 18טן יאַנואַר, 1943, האָבן די דייטשן אָרומגערינגלט די געטאָ דורכצופירן ,די צווייטע ליקווידאַציע׳. דאָס מאָל אָבער האָבן זיי ניט געקענט גלאַט דורכפירן זייער פּלאַן. פיר פאַרבאַריקאַדירטע גרופּעס האָבן געשטעלט דעם ערשטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד...״.

(איידעלמאַן, דאָרט, ז. 30.)

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אין איר ערשטער שלאַכט, האָט פאַרטריבן די ס. ס., וואָס איז געשיקט געוואָרן צו ליקווידירן די יידן. איידעלמאַן דערציילט, אַז איבער גאַנץ וואַרשע האָבן צירקולירט „לעגענדעס וועגן די הונדערטער דערהאַרגעטע דייטשן און דעם מעכטיקן כוח פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דער פּוילישער אונטערערד איז געווען פול מיט לויב פאַר אונדז...״

וועגן דער ווירקזאַמקייט פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט דער יודנראַט אַליין געגעבן דעם בעסטן אַטעסטאַט:

„די דייטשן האָבן זיך געווענדט צום יודנראַט, אַז ער זאָל דורכפירן די אַקציע. דער יודנראַט... האָט איינגעלאַדן די ,קאַמף־אָרגאַניזאַציע׳ צו אַ קאָנפערענץ. פאַרשטייט זיך, אַז די איינלאַדונג איז מיט אַנטריסונג צוריקגעוויזן געוואָרן. דער פאַרהאַסטער פאָרזיצער פונעם יודנראַט, מאַרק ליכטענבאַום, האָט געענטפערט די דייטשן: ,איך האָב ניט די מאַכט אין דער געטאָ; אַן אַנדערע מאַכט רעגירט דאָ!׳ די דייטשע פּלענער זיינען פולשטענדיק דורכגעפאַלן...״

(צוקערמאַן [אַנטעק], דאָרט, ז. 15.)

אָנהויב פעברואַר האָט אַ צווייטע קאַמפּס־אַקציע פון דער א. ק. אָ. פאַרטריבן אַן ס. ס.־אָפּטייל פון דער געטאָ. הימלער

אליין איז געקומען אויספאַרשן די לאַגע. דער תליון איז אַריין אין אַ ווילדער רציחה און האָט, דעם 16טן פעברואַר, 1943, באַפוילן צו צעשטערן אינגאַנצן די וואַרשעווער געטאָ און „אָפּ-ווישן די איבערגעבליבענע האַלב-מענטשן".

אַפּריל 19, 1943: די אומשטערבלעכע געטאָ!

אָט איז אַ באַריכט פון איינעם פון די קעמפער:

„...דעם 19טן אַפּריל, 1943, צוויי אַזייגער פאַרטאָג, האָבן מיר געקראָגן די ערשטע ידיעות פון אונדזערע ווייטסטע אָבּ-זערוואַציע-פּונקטן... די נאַצים רינגלען אַרום די געטאָ... יעדע 30 מעטער אַ נאַצי... אין 15 מינוט זיינען אַלע אונדזערע גרופּעס געשטאַנען אויף זייערע קאַמף-פּאָזיציעס. מיר האָבן אינפאָרמירט דער גאַנצער באַפעלקערונג [40,000 איינוואוינער] וועגן דער געפאַר... אַ טויט-שטילקייט האָט איינגעהילט די געטאָ... מיר זיינען געווען גרייט".

(מ. איידעלמאַן, דאָרט, זז. 34-35.)

די יידן האָבן אָנגעהויבן די שלאַכט קעגן די איבעררא̈שטע נאַצים אויף מילא גאַס. זיי האָבן זיך געשטעלט קעגן אַ פאַר-לער קאָמפּאַניע, אָנגעטאָן אין שלאַכט-מונדירן, מיט די סאַמע מאָדערנסטע, מעכאַניזירטע וואָפן, טאַנקען, באַזוקאַס, קאַנאָ-נען, פלאַם-שליידערער:

„די דייטשן האָבן געפּרואווט מאַכן אַ ריקצוג, נאָר דער וועג איז זיי אָפּגעשניטן געוואָרן. אינגיכן זיינען שוין דייטשע זעלנער געלעגן טויטע אין גאַס... די ,גלאָררייכע' ס. ס.... האָט אַריינגעבראַכט די טאַנקען... אפילו די טאַנקען האָבן געליטן שאָדן... אַ מאָלאָטאָוו-פלאַש האָט אָנגעצונדן דעם ערשטן טאַנק... דער שיקזאַל פון די נאַצים, וואָס זיינען אַריין אין דער פּאַסטקע אויף מילא גאַס איז געווען אַ פאַרזיגלטער. קיין איין דייטש איז נישט אַרויס אַ לעבעדיקער..." (דאָרט).

אַפּריל 20, 1943, נאָך אַ באַריכט פון אַ קעמפער:

„...דריי אַזייגער נאָכמיטאָג... 300 דייטשן [פון דער ווערמאַכט] מאַרשירן אַריין אין אונדזער ראַיאָן... איך כאַפּ די צינד-רער... איך טו אַ פרעס אַרונטער... אַ שוידערלעכער אויפרייס... קערפּערס פליען אין דער לופט, הענט און פיס באַזונדער. צווישן 80 און 100 טויטע דייטשן... די איבעריקע ציען זיך צוריק אין דער גרעסטער אומאָרדענונג... די

דייטשן... דערשראָקענע פּנימער... זיי קלאַמערן אין די הענט זייערע ביקסן... איך שליידער מיין האַנט-גראַנאַט... ברע־נענדיקע דייטשן... מיר ציען זיך צוריק צו צוגעגרייטע פּאָ־זיציעס... פּלוצים ווערט אַלץ שטיל. די נאַציס זיינען אַנט־לאָפן..."

(נוישטאַט, דאָרט, זז. 273-274.)

די נאַציס פאָדערן דערנאָך, אַז א. ק. אָ. זאָל זיך אונטער־געבן! די יידן לאַכן זיך אויס פון זיי און, לויט אַן אונטער־ערדישן, פּוילישן באַריכט, „ווייזן צוריק דעם דייטשן אולטי־מאַטום".

די נאַציס האָבן באַלד נאָכדעם אַרעסטירט דעם יודנראַט. אַט-די יידן „רעטער", וואָס האָבן שטענדיק געעצהט, אַז די יידן זאָלן האַנדלען אויסגערעכנט און אין קאָאָפּעראַציע מיט די נאַ־ציס, זיינען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. און, לויט אַ בו־לעטין, וואָס איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן פון א. ק. אָ אי־בער דער געטאָ: „זייערע קערפּערס זיינען אַריינגעוואָרפן גע־וואָרן אין מיסט-גרוב".

אַרום 24טן אַפּריל זיינען די יידישע קעמפער געצוואונגען געוואָרן אויפצוגעבן די אָפענע גאַסן-קאַמפן און אָננעמען די מעטאָדן פון פּאַרטיזאַנען-קאַמף פון די בונקערס. אַן אונטער־ערדישער, פּוילישער באַריכט דערציילט, אַז אין די ערשטע דריי טעג זיינען געטויט געוואָרן העכער 200 דייטשן און אַז מער ווי אַ צוויי מאָל אַזוי פיל זיינען געוואָרן פאַרוואונדעט. ניט געקוקט אויף דער אָנווענדונג פון פּאַרטיזאַנישע קאַמף־מעטאָדן, בלייבט אָבער די א. ק. אָ. אונטער דער פירערשאַפט פונעם געוואַגטן חבר מרדכי.

די שטאַרק-פאַרלויבטע „איבער-מענטשן" פון דער ווער־מאַכט און ס. ס. זיינען געצוואונגען צו ברענגען נייע רעזערוון פון סאָלדאַטן און וואָפן! דער ס. ס. גענעראַל, יורגען סטרופּ, קען ניט אויספירן דעם הימלער-באַפעל צו ליקווידירן די געטאָ אין דריי טעג. ער האָט שוין אַריינגעוואָרפן העכער 3,000 שווער-באַוואָפנטע טרופּן קעגן די 1,500 אויסגעהונגערטע, אָפּ־געשליסענע, קוים-באַוואָפנטע מענער, פרויען און קינדער־קעמפער.

די דייטשן רופן אַרויס איצט מער טאַנקען און עראָפּלאַ־נען. זיי באָמבאַרדירן די געטאָ ענדלאָז מיט קאַנאָנען און לופט־

אטאקעס, וואָס רעגענען מיט פייער אויף די אַלץ מער אָפּ־געשוואַכטע קאַמף־גרופּעס פון דער א. ק. אָ. גענעראַל סטרופּס באַריכטן זאָגן אַליין אויס, אַז די יידן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די בונקערס און חורבות, „ווערן וואַנזיניק פון דער היץ, דעם רויך און די אויפרייסן".

(נאַצי קאָנספּיראַציע און אַגרעסיע: וואַש. די. סי., 1947, בוך III „סטרופּ באַריכט", ז. 723.)

די געטאָ איז איין גרויסער שייטער־הויפן. פלאַמען און רויך האַלטן אין איין כוואַליען פון די חורבות, נאָר דער קאַמף גייט אָן. איצט קעמפן די יידן שוין פון צווישן די חורבות. ס'איז שוין ניטאָ קיין סימן פון אַ פירערשאַפט. פאַר די מערסטע קעמפער איז נאָענט דער סוף. דעם 9טן מאַי ווערט די פּאָזיציע (אויף מילא גאַס, נומער 18), אין וועלכער עס געפינט זיך די הויפּט־קאָמאַנדע פון דער א. ק. אָ. צוזאַמען מיט דעם קאָמאַנדיר, מרדכי אניליעוויטש, באַלאַגערט פון די נאַציס, וועלכע הערן ניט אויף באָמבאַרדירן דעם בונקער זעקס שעה צייט.

„...די דייטשן האָבן אויסגערופן, אַז מען זאָל זיך אונטער־געבן, נאָר קיינער פון די קעמפער האָט עס ניט געטאָן. זיי האָבן ווידערהאָלט דעם אויסרוף... ענדלעך האָבן זיי געמאַכט אַ גאַז־אַטאַקע אויפן בונקער. זיי האָבן אַריינגעלאָזט בלויז אַביסל גאַז... כדי צו ברעכן דעם גייסט פון די 120 קעמפער.

„...לאָמיר ניט אַריינפאַלן אין זייערע הענט!", שווערן די קעמפער. די זעלבסטמאָרדן הויבן זיך אָן. רעוואָלווערן פאַר־האַקן זיך און די אייגנטימער פון זיי בעטן זיך ביי חברים מען זאָל זיי דערשיסן... קיינער וואַגט ניט נעמען דאָס לעבן פון אַ חבר... עמעצער האָט אַנטדעקט אַ באַהאַלטענעם אַרויס־גאַנג, נאָר בלויז אייניקע איז געלונגען זיך אַרויסקריגן... די אַנדערע זיינען לאַנגזאַם דערשטיקט געוואָרן... אַזוי זיינען גע־פאַלן אונדזערע בעסטע קעמפער... צווישן זיי מרדכי אניע־ליעוויטש, אונדזער שיינער און באַליבטער קאָמאַנדיר".

(צביה לובעטקין, דאָרט, ז. 407.)

נאָר דער קאַמף איז אַלץ אָנגעגאַנגען. טייל קעמפער איז געלונגען צו אַנטלויפן דורך די עיפּושדיקע קאַנאַלן פון וואַרשע. דעם 16טן מאַי האָט זיך דער ס. ס. גענעראַל סטרופּ באַרימט פאַר זיינע פירער, אַז דער „יידישער ראַיאָן אין וואַרשע עק־זיסטירט ניט מער". ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז עס זיינען אָנ־

געגאַנגען די צוזאַמענשטויסן ביז אינמיטן יולי. לעבן־געבלי־
בענע אין געטאָ, האָבן געקעמפט און זיך אַרויסגעריסן אין די
וועלדער צו די פּאַרטיזאַנען און מיט זיי פאָרגעזעצט דעם קאַמף.
די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט געלויבט די
יידישע קעמפער, וואָס האָבן „געוויזן דעם וועג דעם פּוילישן
פאָלק ווי אַזוי אויסצומיידן פאַרניכטונג" — דורך ווידער־
שטאַנד...

פון אונטער די געטאָ־חורבות טראָגט זיך מרדכי אַנילע־
וויטשעס לעצטער בריוו, געשריבן דעם 23טן אַפּריל, 1943:

„איצט איז שוין גאַנץ קלאָר פאַר אונדז — דאָס, וואָס איז
פאָרגעקומען האָט אַריבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען...
איצט... שטייען מיר ביים ראַנד פון אָפּגרונט... מיר האָבן
אַטאַקירט די דייטשן און זיי געבראַכט שווערע פאַרלוסטן. אונ־
דזערע פאַרלוסטן, אין געגנטייל, זיינען געווען, אין אַלגעמיין,
גרינגע. אפילו דאָס איז אַ דערגרייכונג... איך פיל, אַז עס
שטייען פאָראויס גרויסע געשעענישן. דאָס, וואָס ס'איז אונדז
דאָ געלונגען צו באַשאַפן, וועט האָבן אַ גרויסע ווערט און
וויכטיקייט.

„איך קען פאַר אייך ניט באַשרייבן די לאַגע אין וועלכער
עס ,לעבן' איצט די יידן פון דער געטאָ... אונדזער שיקזאַל
איז פאַרזיגלט... מיר געזעגענען זיך מיט אייך, וואָס איר זייט
,איינדרויסן'. אפשר וועט געשען אַ נס און מיר וועלן זיך נאָך
אַמאָל באַגעגענען. נאָר איך צווייפל דערין זייער שטאַרק...
דער לעצטער וואונטש פון מיין לעבן איז דערפילט געוואָרן.
יידישע זעלבסט־פאַרטיידיקונג איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, יידי־
שער ווידערשטאַנד און נקמה זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין
אַקציעס. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב זיך געפונען צווישן
די ערשטע יידישע געטאָ־קעמפער! זייט געזונט..."

(פ. פרידמאַן: „מאַרטירער און קעמפער", נ. י., 1954,
ז. 221.)

***

וואָס נאָך קען ווער עס איז צוגעבן צו אָט־דעם פאַנטאַס־
טישן דאָקומענט פון דעם וואונדערלעכן און געניאַלן העלד פון
דער וואַרשעווער געטאָ. וואָס פאַר אַ ביטערן פּרייז ער און
זיינע חברים האָבן געמוזט באַצאָלן, כדי אויסצוגעפינען ווי אַזוי

די נאַציס מוזן באַקעמפט ווערן. מיר קומען אַ חוב ניט בלויז זיך אַליין און די קומענדיקע דורות, נאָר מיר קומען אַ טיפֿן, אומבאַצאָלבאַרן חוב מרדכי אַנילעוויטשן און אַלע יידישע העלדן און מאַרטירער פֿון דער וואַרשעווער געטאָ — אַ חוב אָנצוווענדן אין אונדזער אייגענער צייט, דאָס, וואָס עס לערנט אונדז יענער אומפֿאַרגעסלעכער העלדן־קאַפּיטל אין אונדזער יידישער געשיכטע, אין דעם אַלוועלטלעכן, העלדישן קאַמף קעגן פֿאַשיזם.

דער נאַציזם און פֿאַשיזם זיינען ווייט נאָך ניט אָפּגעווישט. לאָמיר קלאָר באַנעמען, אַז זיי שפּרייטן זיך נאָך. אין מערב דייטשלאַנד איז אויפֿגעלעבט געוואָרן די ווערמאַכט אונטער לעבן־געבליבענע היטלער־גענעראַלן; די אַדענאַוער־רעגירונג ווערט קאָנטראָלירט פֿון אַלטע נאַציס; אין די אַנטי־ציווילע רעכט אַקטיוויטעטן, די ראַסיסטישע און נוקלעאַרע מלחמה־צוגרייטונגען, וואָס גייען אָן — אין דעם אַלעם לעבט דער גייסט וואָס האָט פֿאַרניכט אַ דריטל פֿון אונדזער פֿאָלק.

מיר נויטיקן זיך, אפֿילו איצט, צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין יענע וויכטיקע דערפֿאַרונגען פֿון דער וואַרשעווער געטאָ. די קעמפֿנדיקע וואַרשעווער יידן האָבן אינזינען געהאַט בלויז די ווירדע פֿון ווידערשטאַנד, ניט געקוקט אויף דער אויסזיכטלאָזיקייט, פּנים־אל־פּנים מיט אַ זיכערן טויט.

מיר טאָרן ניט אָפּשוואַכן אונדזער קאַמף — מיר מוזן אייביק געדענקען די טראַדיציע פֿון דער אומשטערבלעכער וואַרשעווער געטאָ!